ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# השבת

צווייטער טייל
צווייטער קאפיטל
אידיש

**735**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

צווייטער קאַפּיטל

# תחינות און תפילות

## אַ תחינה צו ליכט-בענטשן

רבונו של עולם, איך לויב און דאַנק דיין ליבן נאָמען, וואָס איך בין זוכה צו טאָן די מצוה, וואָס דו האָסט געגעבן פאַר די נשים, ווי די חכמים ז״ל שרייבן אין מסכתא שבת, אַז ווייבער זיינען מחוייב צו בענטשן ליכט פרייטיק פאַרנאַכט. און דיין חסד זאָל זיין מיט מיר, אַז איך זאָל זוכה זיין צו טאָן די מצוה ביז הונדערט יאָר. און איך זאָל זיין געהיט, אַז איך זאָל ניט אָנצינדן די ליכט נאָך זונאונטערגאַנג. עס זאָל ניט זיין חלילה פון דער מצוה די גרעסטע עבירה, דאָס הייסט, חילול־שבת, וואָס דאָס איז האַרב ווי די גאַנצע תורה צוזאַמען. און פאַר דעם זכות האָף איך און בעט פון דיין הייליקן נאָמען, אַז מיינע קינדער וואָס דו האָסט מיר געגעבן מיט דיין חסד און וועסט מיר געבן מיט דיינעם חסד, אַז זיי זאָלן ניט זיין קיין מחללי־שבת חלילה, און דאָס ליכט פון דער תורה זאָל זיי דערלייכטן די אויגן, אַז זיי זאָלן ניט חלילה נכשל ווערן אין עבירות. ווי עס שטייט געשריבן אורח צדיקים כאור נוגה, דאָס הייסט, די צדיקים גייען אין גראַדן ריכטיקן וועג, ווי איינער גייט פאַר דער טאָג־ליכטיקייט, און די ניט־פרומע גייען אין דער פינצטערניש. ובזכות זה, וואָס איך האָב אָנגענומען דעם ליבן שבת־קודש אין דער צייט מיט גרויס כבוד און אים באַשיינט מיט שיינע ליכט, בעט איך דיך, הקדוש־ברוך־הוא, אַז איך זאָל זוכה זיין צו האָבן קינדער תלמידי־חכמים, אַז איך זאָל האָבן נחת און כבוד איןביידע וועלטן. מיין פנים זאָל ניט שוואַרץ ווערן פון זיי אויף יענער וועלט אָמן.

## אַ תחינה צו זאָגן שבת-צו-נאַכט נאָך הבדלה

רבון העולמים, דו האַר פון אַלע וועלטן, פאָטער פון דערבאַרעמקייט און פאַרגעבן, מיט אַ גוטן סימן און מיט מזל הייב אָן אויף אונדז די זעקס טעג פון דער וואָך די וואָס קומען אָן צו אונדז אַנטקעגן צו פריד, זיי זאָלן זיין פאַרמיטן פון אַלע זינד און ריין פון אַלערליי עבירות און זאָלן זיין צו אונדז באַהעפט צו לערנען תורה און צו טאָן גוטע מעשים און לייטזעליק אונדז מיט אַלערליי קלוגשאַפט און דו זאָלסט אונדז מאַכן הערן אין די זעקס טעג אייטיל־פרייד. עס זאָל ניט אונדזער קנאה אויפגיין אויף איין האַרץ פון אַ מענטשן, דאָס הייסט, עס זאָל אונדז קיינער ניט מקנא זיין און מיר זאָלן אַנדערע אויך ניט מקנא זיין. דו האַר, גאָט, פאָטער באַרעמהאַר־ציקער טו איין בענטשונג און ברייטקייט און באַגליקונג אין אונדזער משא־

ומתן. און אַלע די וואָס ראַטן אויף ישראל גוטע עצות און מחשבות — זאָלסטו זיי שטאַרקן און בענטשן און אַכפּערן און באַשטעטיקן זיי מיט זייער עצה, ווי עס שטייט אין פּסוק, גאָט וועט געבן ווי דיין האַרץ באַגערט און דיין עצה וועט ער ממלא זיין. נאָך זאָגט דער פּסוק: ווען דו וועסט באַפעלן, וועט דאָס אַיין קיום האָבן און אויף דיינע וועגן וועט שיינען ליכטיקייט. און עפן אונדז אויף, דו גאָט אונדזער גאָט, דו פּאָטער פון דערבאַרעמקייט, דו האַר פון פאַרגעבן זינד, אין דער וואָך און אין אַלע וואָכן פון אַ גאַנץ יאָר, טויערן פון ליכטיקייט, טויערן פון לאַנגע יאָרן, טויערן פון דערלענגערן דעם צאָרן, דאָס מיינט מען, ניט באַלד הס־ושלום שטראָפן אויף די עבירות, טויערן פון בענטשונג, טויערן פון פאַרשטאַנדיקייט, טויערן פון פרייד און אַכפּערקייט און שטאַרקייט, טויערן פון ליכטיקייט און שכל, טויערן פון שיינקייט און הצלחה, די טויערן פון דעם בית־המקדש, די טויערן פון געשווינדיקייט צו תורה ומצוות און געזאַנג פון שירות ותשבחות און פון גערעכטיקייט און לויטערקייט פון פאַרשטאַנד און וויסן. שאַפט טויערן פון פרייד און דערבאַ־רעמקייט און חן וחסד און חיים טובים און חכמה. טויערן פון הילף און רעכט־פאַרטיקייט, טויערן פון מכפּר זיין אויף די עבירות און מיר זאָלן געשפּייזט ווערן פון דיין האַנט און מיט כבוד. טויערן פון לערנען די תורה, טויערן פון טרייסט און ריינקייט, טויערן פון סליחה אויף אונדזערע זינד און מיר זאָלן געהאָלפן ווערן פון דעם הימל אין אונדזערע עסקים. טויערן פון הייליקייט, און מיר זאָלן אויפגעריכט געפירט ווערן אין אונדזער לאַנד אַריין, טויערן פון רחמנות און גוטן ווילן און מיר זאָלן האָבן אַיין רפואה שלימה, טויערן פון פריד און פון פרייד, און מיר זאָלן זוכה זיין באַלד צו הערן בשורות טובות, טויערן פון תורה ותשובה ותפילה און מיר זאָלן געהאָלפן ווערן, אַזוי ווי אין פּסוק איז געשריבן, אַז די הילף פון די צדיקים איז פון גאָט און ער איז זייער באַשיצער אין איין ענגער צייט, און גאָט העלפט זיי און איז מציל, דען ער טוט זיי מציל זיין פון אַלדאָס בייז און העלפט זיי, ווען זיי באַשיצן זיך אין אים. ווי עס שטייט געשריבן: גאָט האָט אַנטפּלעקט זיין מאַכט די הייליקע פאַר די אויגן פון די פעלקער און זיי זעען אַלע, די האַרן פון לאַנד, די הילף פון אונדזער גאָט. און נאָך זאָגט דער פּסוק: דאָס קול פון דיינע נביאים, זיי וועלן אויפהייבן אַיין קול און וועלן באַנאַנדער זינגען וואָרום זיי וועלן באַשיינפּערלעך זען, אַז גאָט וועט ווידער קערן די שטאָט ציון. און זאָלסט אונדז מקיים זיין וואָס עס שטייט געשריבן: ווי שיין וועט זיין ווען אליהו הנביא וועט קומען זיך שטעלן אויף די בערג אָנצוזאָגן די בשורה, און וועט מאַכן הערן פון גאָט אַיין פרייד אויף גאָר דער וועלט, און מאַכן הערן בשורות טובות און וועט מאַכן הערן הילף. ער וועט זאָגן צו ציון: דייך גאָט טוט קיניגן. דער ערשטער וואָס עס וועט קומען קיין ציון פון די וואָס אין גלות איז געוועזן — דער וועט זאָגן, אַז דאָ קומען זיי אויף

באַלד אָן. און צו ירושלים וועל איך געבן איין אָנזאָגונג, דאָס איז אליהו הנביא וועט קומען און וועט אונדז אויסלייזן במהרה בימינו אָמן סלה!

# אַ תחינה פאַרן עסן

רבון כל העולמים, האַר פון אַלע נשמות, האַר פון שלום, שטאַרקער מלך, געבענטשטער מלך, געאַכפּערטער מלך, דער וואָס רעדט שלום, איין באַשיינטער, איין שטאַרקער, איין לויטערער, דאָס לעבן פון אַלע וועלטן, ער איז גוט און באַגיטיקט, איינער און געאייניציקט, פון אַלעם אַ שטאַרקער. ער איז באַקליידט מיט רחמים, איין מלך איבער אַלע מלכים, איין געשטאַרק־טער, ער לענט אונטער געפאַלענע, ער טוט מעשה־בראשית, ער לייזט אויס און באַשירעמט, ער איז קלאָר און רויט, איין הייליקער, איין הויכער און דערהויבענער. ער הערט דאָס געבעט פון אַלע, זיין וועג איז גאַנץ. איך באַקען פאַר דיר, מיין גאָט, אויף גאָר דעם חסד וואָס דו האָסט מיט מיר געטאָן און וואָס דו וועסט מיט מיר טאָן און מיט גאַנץ געזינט און מיט אַלע דיינע באַשעפעניש, און געבענטשט זיינען דיינע הייליקע מלאכים וואָס טוען דיין ווילן. האַר פון שלום, וואָס דער גאַנצער שלום איז זיינער בענטש מיך מיט שלום און זאָלסט דאַכטן מיך מיט מיין געזינט און גאָר דיין פאָלק ישראל צום גוט לעבן און פרייד. אויבערשטער מלך אויף אַלע הערשאַפט פון הימל, אונדזער באַשעפער און וואָס האָט באַשאַפן אַלע מעשה־בראשית, איך טו בעטן דיין ליכטיק פנים, דו זאָלסט מיך מזכה זיין מיט מיין הויז־געזינט צו געפינען חן און גוטע הצלחה אין דיינע אויגן און אין די אויגן פון די קינדער פון אָדם און חוה און אין די אויגן פון אַלע אונדזערע זעער צו דיין דינסט. און זיי אונדז מזכה אָנצונעמען שבתים מיט פיל שמחה און פון עשירות און פון ווייניק זינד. און טו אָפּ פון מיר און פון מיין הויזגעזינט און פון גאָר דיין פאָלק אַלערליי קראַנקייט און אַלערליי ווייטאָג און אַלערליי אָרעמקייט. און גיב אונדז איין יצר־טוב, מיר זאָלן דיך דינען מיט אמת און מיט יראה און אהבה. און מיר זאָלן זיין געערט אין דיינע אויגן און אין די אויגן פון אַלע אונדזערע זעער, דען דו ביסט דער געערטער מלך, דען צו דיר איז דאָס שיין. איך בעט דיך קיניג, איבער אַלע קיניגן, געביט דיינע מלאָכים וואָס באַדינען דיך, זיי זאָלן דאַכטן מיך מיט רחמים און זיי זאָלן מיך בענטשן אין זייער קומען אין מיין הויז אין אונדזער הייליקן טאָג, דען איך האָב אָנגעצונדן מיינע ליכט און האָב פאַרבעט מיין בעט און האָב איבערגעביטן מיינע קליידער פון כבוד שבת וועגן. און איך בין געקומען אין דיין הויז צו בעטן דיך, דו זאָלסט אָפּטאָן מיינע זיפצן, און איך האָב געטאָן עדות זאָגן, אַז אין זעקס טעג האָסטו באַשאַפן אַלע באַשעפענישן און

איך וועל דאָס אויך זאָגן דעם אַנדערן און דריטן מאָל, עדות צו זאָגן אויפן כוס מיט שמחה, ווי דו האָסט מיך געבאָטן צו דערמאָנען און האָבן תענוג מיט מיין נשמה־יתירה, וואָס דו האָסט אין מיר געגעבן. אין שבת וועל איך רוען, ווי דו האָסט מיך געבאָטן צו דינען דיך און זאָגן דיין גרויסקייט מיט געזאַנג. און איך האָב געטאָן גאָט צו קעגן מיר, ביי דיר צו בעטן, אַז דו זאָלסט מיך דערבאַרעמען און אויסצולייזן מיך פון צרות, צו דערוועקן מיין האַרץ צו דיין דינסט. אַזוי וועל איך קענען היטן דיין געזעץ אָן טרויער־קייט און וועל רעכט מתפלל זיין. איר מלאכים פון פריד, אייער קומען איז צו פריד, בענטש מיך צו שלום און זאָגט בענטשונג צו מיין אָנגעברייטן טיש און אייער אָוועקגיין זאָל זיין מיט פריד פון אַצינד ביז אייביק, אָמן סלה!

# די שבתדיקע תפילות

## 1.

## מעריב

דו האָסט געהייליקט דעם זיבעטן טאָג פון דיין נאָמען וועגן, דער ענדציל פון דער אַרבעט פון הימל און ערד, און האָסט אים געבענטשט מער פון אַלע טעג, און דו האָסט אים געהייליקט מער פון אַלע צייטן און אַזוי שטייט געשריבן אין דיין תורה:

און זיי זיינען געגרינדפעסט געוואָרן דער הימל און די ערד און אַלע זייערע הערשאַפטן און גאָט האָט פאַרענדיקט אין דעם זיבעטן טאָג זיין ווערק וואָס ער האָט געמאַכט, און גאָט האָט גערוט אין דעם זיבעטן טאָג פון אַלע זיינע אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן, און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט, דען אין אים האָט ער גערוט פון אַלע זיינע ווערק וואָס גאָט האָט באַשאַפן און האָט געמאַכט.

אונדזער גאָט און גאָט פון אונדזערע עלטערן, באַוויליק אָן אונדזער רואונג, הייליק אונדז מיט דיינע מצוות און גיב אונדזער חלק אין דיין תורה, מאַך אונדז זאַט פון דיין גוטס און דערפריי אונדז מיט דיין הילף, און רייניק אונדזער האַרץ אַז מיר זאָלן דיך דינען באמת, און מאַך אונדז אַרבן, גאָט אונדזער גאָט, מיט ליבשאַפט און גוטן ווילן דיין הייליקן שבת און זאָלן רוען אין אים די ישראל, וואָס זיי הייליקן דיין נאָמען. געלויבט ביסטו, גאָט, דער וואָס הייליקט דעם שבת.

דער וואָס האָט באַשירעמט אונדזערע אָבות מיט זיין וואָרט, מאַכט לעבעדיק די טויטע מיט זיין זאָג, דער הייליקער גאָט, וואָס ס'איז ניטאָ זיין גלייכן, וואָס לאָזט רוען זיין פאָלק אין טאָג פון זיין הייליקן שבת, דען ער האָט געוואָלט זיי לאָזן רוען, פאַר אים וועלן מיר דינען מיט פאָרכט און ציטעריש און וועלן דאַנקען זיין נאָמען אייביק מיט ברכה דורך יעדן טאָג,

ער איז גאָט פון לויב, ער איז האַר פון פרידן, ער הייליקט דעם שבת און ער בענטשט דעם זיבעטן טאָג און מאַכט רוען מיט הייליקייט זיין פאָלק וואָס פעטיקט זיך מיט תענוג, אַ זכר צו מעשה־בראשית.

2.

## פון קידוש

געלויבט ביסטו גאָט אונדזער גאָט, קיניג פון דער וועלט, וואָס ער האָט געהייליקט אונדז מיט זיינע מצוות און האָט באַגערט אין אונדז, און זיין הייליקן שבת מיט ליבשאַפט און באַוויליקונג האָט ער אונדז געמאַכט אַרבן, אַ געדעכעניש צו מעשה־בראשית. אַיין טאָג איין ערשטער צו אַלע אָנרופונגען פון הייליקייט, אַ געדעכעניש צו דעם אַרויסגאַנג פון מצרים. דען אין אונדז האָסטו אויסדערוויילט און אונדז האָסטו געהייליקט פון אַלע פעלקער און דיין הייליקן שבת מיט ליבשאַפט און מיט גוטן ווילן האָסטו אונדז געמאַכט אַרבן. געלויבט ביסטו, גאָט, דער וואָס הייליקט דעם שבת!

3.

## פון שחרית

### א

צו גאָט וואָס ער האָט גערוט פון אַלע זיינע ווערק, אויפן זיבעטן טאָג איז ער געוואָרן הויך געלויבט און אויפגעגאַנגען און זיך געזעצט אויפן כסא־הכבוד, דעם רולעכן טאָג האָט ער איינגעהילט מיט שיינקייט און ער האָט אויסגערופן דעם טאָג אַ תענוג. דאָס איז דער לויב פון זיבעטן טאָג, דאָס גאָט האָט אין אים גערוט פון אַלע זיינע ווערק. און דער זיבעטער טאָג אַליין לויבט און זאָגט איין געזאַנג אויף דעם טאָג שבת, עס איז גוט צו לויבן פאַר גאָט. איבער דעם געהערן אַלע באַשעפענישן באַשיינען און דאַנקען צו גאָט, זיי דאַרפן געבן לויב און ווערדיקייט און אַכפּערקייט צו גאָט דעם מלך וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, וואָס האָט געמאַכט אַרבן רו צו זיין פאָלק ישראל אין דעם הייליקן טאָג שבת. דיין נאָמען, אונדזער גאָט, ווערט גע־הייליקט און דיין געדעכעניש, אונדזער קיניג, ווערט באַשיינט אויבן אין הימל און אונטן אויף דער ערד. דו זאָלסט זיין געלויבט, אונדזער העלפער, פונוועגן די געלויבטע ווערק פון דיינע הענט און פונוועגן דאָס ליכטיקע ליכט, וואָס דו האָסט באַשאַפן, אויף דעם געהער מען דיך באַשיינען איביק.

### ב

משה פרייט זיך מיט דער מתנה פון זיין חלק, ווייל דו האָסט אים אָנגערופן איין געטרייער קנעכט. איין געצירטע קרוין האָסטו אים אָנגעטאָן

אויף זיין קאָפּ ווען ער איז פאַר דיר געשטאַנען אויפן באַרג סיני און צוויי שטיינערנע לוחות האָט ער געמאַכט אַראָפּנידערן אין זיין האַנט און עס שטייט אין זיי געשריבן מען זאָל היטן דעם טאָג שבת. און דו האָסט אים ניט געגעבן, גאָט אונדזער האַר, צו די פעלקער פון די לענדער און האָסט אים ניט געמאַכט אַרבן צו די געצנדינער, אויך רוען זיי ניט אין זיין רואונג, און בלויז צו דיין פאָלק ישראל האָסטו אים מיט ליבשאַפט געגעבן, צו די קינדער פון יעקב, וואָס דו האָסט זיי אויסדערוויילט.

## 4.
## פון „מנוחה"

דו ביסט איינציק און דיין נאָמען איז איינציק און ווער איז גלייך צו דיין פאָלק ישראל, אַן איינציק פאָלק אויף דער ערד. איין צירונג פון אַכפּער־קייט און קרוין פון הילף, איין טאָג פון רואונג און הייליקייט האָסטו צו דיין פאָלק געגעבן, אברהם איז לוסטיק און יצחק טוט זינגען, יעקב מיט זיינע קינדער רוען אין שבת איין ליבלעכע און באַוויליקטע רואונג, וואָר־האַפטע רואונג, אַ שטילע און אַ זיכערע רואונג, איין גאַנצע מנוחה, וואָס דו האָסט אין איר געוויילט, די ישראל זאָלן רוען, זאָלן דיינע קינדער דער־קענען און וויסן, דאָס זייער רואונג איז פון דיר און אין זייער רואונג הייליקן זיי דיין נאָמען.

## 5.
## פון שבת־צו־נאַכטיקן דאַווענען

דו האָסט אונדז געלייטזעליקט צו וויסן דיין תורה און דו האָסט אונדז געלערנט צו טאָן די געזעצן פון דיין ווילן און דו האָסט אָפּגעשיידט, גאָט אונדזער גאָט, צווישן די הייליקע און צווישן די אומהייליקע, צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן דאָס פאָלק ישראל און צווישן די פעלקער, צווישן דעם זיבעטן טאָג און צווישן די זעקס טעג פון אַרבעט. אונדזער פאָטער אונדזער קיניג, מאַך אָנפאַנגען אויף אונדז די טעג וואָס קומען אַנטקעגן אונדז מיט פרייד, פאַרמיטן פון אַלע זינד און גערייניקט פון מוטוויליקייט און באַהאַפטן אין דיין פאַרכט.